# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת שופטים תשפ"ב שנה ט | גליון מס' 448



בני אמונים

ת.ד 102 בני ברק

פקס: 03-5055919

9139191@gmail.com


## פניני אמונים

פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

### די בית המקדש דארף געבויעט ווערן אויף א בארג

"כִּי יִפָּלֵא מִמְּךָ דָבָר לַמִּשְׁפָּט בֵּין דָּם לְדָם בֵּין דִּין לְדִין וּבֵין נֶגַע לָנֶגַע דִּבְרֵי רִיבֹת בִּשְׁעָרֶיךָ וְקַמְתָּ וְעָלִיתָ אֶל הַמָּקוֹם אֲשֶׁר יִבְחַר ה' אֱלֹקֶיךָ בּוֹ" (יז ח)

פון דער פסוק "וְקַמְתָּ וְעָלִיתָ" לערנען ארויס די חכמים (קידושין סט א, הובא ברש"י) אז די בית המקדש איז העכער פון אלע אנדערע פלעצער. הגרי"ז מבריסק ערקלערט אז די פאקט אז די בית המקדש איז אויסדערוועלט געווארן געבויעט צו ווערן אויף א בארג איז נישט פארצופאל, נאר עס איז א תנאי אין הל' בנין בית המקדש, אז מען דארף עס בויען אויף א בארג. און אזוי האבן מיר געלערנט אין תוספתא (ברכות א טו): "ומנין שאין השכינה חוזרת לתוכה עד שתֵּעָשה הר, שנאמר (דברים ו כה): 'הָהָר הַטּוֹב הַזֶּה וְהַלְּבָנֹן'". אויך טרעפן מיר אין תוספתא (שם) אויף דעם א ראיה פון דער פסוק (בראשית כב יד): "אֲשֶׁר יֵאָמֵר הַיּוֹם בְּהַר ה' יֵרָאֶה", ד.מ.: "ה' יֵרָאֶה" אין בית המקדש נאר ווען עס וועט גערופן ווערן "הר" (ע"פ 'מנחת ביכורים' על תוספתא שם).

צוליב דעם טרעפן מיר אויך (תענית כו ב. ראה רמב"ם תעניות ה ג) אז די חכמים האבן אויסגערעכנט צווישן די פינף שווערע אומגליקן וואס געזען געשען אין דער טאג וואס די בית המקדש איז חרוב געווארן - תשעה באב - די פאקט אז טורנסרופוס הרשע האט געאקערט די פלאץ פון היכל, דאס קומט אונז זאגן: אויסאקערן די פלאץ פון היכל, האט פארשטערקערט די חורבן, מיט דעם וואס עס איז אוועקגענומען געווארן דער נאמען 'הר', און מען קען דארט נישט אויפבויען די בית המקדש ביז הקב"ה וועט עס צוריק הויעך מאכן עס זאל ווערן א 'הר'.

אויף דעם בעטן מיר שבת אין דער פיוט 'דרור יקרא': "אלקים, תן במדבר הר" - הייב אויף די מקום המקדש וואס איז געווארן דערנידערט און געווארן ווי א מדבר, כדי די בית המקדש זאל קענען געבויעט ווערן אויף דעם".

'ישורון' קובץ לו עמ' פ

### ברכת המצוות אויף א מצוה מדרבנן

"עַל פִּי הַתּוֹרָה אֲשֶׁר יוֹרוּךָ וְעַל הַמִּשְׁפָּט אֲשֶׁר יֹאמְרוּ לְךָ תַּעֲשֶׂה לֹא תָסוּר מִן הַדָּבָר אֲשֶׁר יַגִּידוּ לְךָ יָמִין וּשְׂמֹאל" (יז יא)

מיר טרעפן אין גמרא (שבת כג א) אז אויך פארן מקיים זיין א מצוה וואס די חכמים האבן מתקן געווען זאגט מען דער נוסח הברכה אזוי ווי אויף מצוות וואס זענען מן התורה: "אשר קדשנו במצותיו **וציונו**", פארוואס? ווייל די תורה האט באפוילן פאלגן וואס די חכמים הייסן, אין אונזער פסוק: "לֹא תָסוּר מִן הַדָּבָר אֲשֶׁר יַגִּידוּ לְךָ יָמִין וּשְׂמֹאל".

לויט דעם וואונדערט זיך **רבי מאיר דן פלאצקי** בעל 'כלי חמדה' אויף די שיטת הראשונים (שו"ת הרשב"א ח"ג סי' פג; רא"ש כתובות א יב) אז מען זאגט נישט א ברכת המצוות אויף א מצות לא-תעשה; פון די גמרא זעט דאך אויס אז די ברכת המצוות וואס מען זאגט אויף א מצוה דרבנן, איז נאר צוליב די לא-תעשה פון 'לא תסור'?

וועגן דעם שרייבט דער 'כלי חמדה' אז טראץ די גמרא ברענגט דעם לשון הפסוק "לֹא תָסוּר...", איז די כוונה אויף דעם ערשטן טייל פון דער פסוק: "אֲשֶׁר יֹאמְרוּ לְךָ תַּעֲשֶׂה" וואס איז א מצות עשה. און אזוי זעהן מיר קלאר און אפן אין לשון הרמב"ם (ברכות יא ג, ראה 'כסף משנה' שם): "וכל המצוות שהן מדברי סופרים... מברך על הכל קודם לעשייתן: 'אשר קדשנו במצותיו וצונו לעשות', והיכן ציונו? בתורה, שכתוב בה: 'אֲשֶׁר יֹאמְרוּ לְךָ תַּעֲשֶׂה'".

'חמדת ישראל' ח"א קונטרס תורה אור אות יד ד"ה ומלבד

### די עבודה אין חודש אלול – ישוב הדעת ביים דאווענען

"וְאָמַר אֲלֵהֶם שְׁמַע יִשְׂרָאֵל אַתֶּם קְרֵבִים הַיּוֹם לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֵיכֶם אַל יֵרַךְ לְבַבְכֶם אַל תִּירְאוּ וְאַל תַּחְפְּזוּ וְאַל תַּעַרְצוּ מִפְּנֵיהֶם" (כ ג)

זאגט דער '**אבני נזר**' פון סאכטשוב:

די סיבה פארוואס מען האט געדארפט זאלבן א באזונדערן כהן - 'כהן משוח מלחמה', ער זאל זאגן די חיזוק-ווערטער וואס זענען געשריבן אין די פאלגנדע פסוקים, ווייל זיינע ווערטער זענען נישט געווען נאר ווי א ווארענונג פאר די קעמפער זיי זאלן נישט זיין דערשראקן, נאר דאס זאלבן האט אין אים אריינגעלייגט א באזונדערן כח און סגולה צו קענען מיט זיינע רייד שטארקן די וואס גייען ארויס אויף די פראנט און זיי באוואיגן, זיי זאלן נישט מורא האבן פון די פיינט, נאר זיי זאלן מלחמה האלטן און באזיגן מיט די כח פון אמונה און ביטחון אין ה'.

אויף דעם האט צוגעלייגט זיין זון דער '**שם משמואל**', אז דאס איז די טיפקייט פון אונזער עבודה אין חודש אלול; ראש השנה גייען מיר ארויס אין א מלחמה אקעגן די משטינים און מקטרגים מיט די כח פון תפילה, דעריבער פון ראש חודש אלול - ווען מיר דערנענטערן זיך צו דער מלחמה - ווערן מיר נתעורר דורך דעם שופר וואס מיר בלאזן יעדן טאג, צו קאנצענטרירן די מחשבות און אראפנעמען אלע צרות און דאגות פון הארצן בשעת'ן דאווענען [וואס איז די 'מלחמה'], כדי ביז ראש השנה זאלן מיר זיין געוואוינט צו קאנטראלירן די מחשבות און דאווענען מיט כוונה און ישוב הדעת, און אזוי אריין טרערטן אין ראש השנה מיט די מעגליכקייט צו קענען דאווענען מיט כוונה, און דערמיט באזיגן די מקטרגים וואס קעמפן קעגן אונז.

'שם משמואל' תרע"ח

### אפילו נאר די זכות פון קריאת שמע

"וְאָמַר אֲלֵהֶם שְׁמַע יִשְׂרָאֵל אַתֶּם קְרֵבִים הַיּוֹם לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֵיכֶם אַל יֵרַךְ לְבַבְכֶם אַל תִּירְאוּ וְאַל תַּחְפְּזוּ וְאַל תַּעַרְצוּ מִפְּנֵיהֶם" (כ ג)

פון דעם וואס דער פסוק הייבט אן מיטן לשון "שְׁמַע יִשְׂרָאֵל" דרש'ענען די חכמים (סוטה מב א, הובא ברש"י): "אפילו לא קיימתם אלא קריאת שמע שחרית וערבית, אי אתם נמסרים בידם".

**רבי אברהם אבא הערצל** פון די פרשבורגער רבנים טייטש אז אויף דעם בעטן מיר ביי 'תחנון': "שומר ישראל שמור שארית ישראל, ואל יאבד ישראל האומרים שמע ישראל"; צום ערשט, "שומר [די צדיקים וואס ווערן אנגערופן מיטן טיטול] ישראל", און דערנאך, ביטע "שמור" אויך די בינונים וואס ווערן אנגערופן "שארית ישראל". און דאן לייגט מען צו א בקשה: "ואל יֹאבד" אויך "ישראל האומרים שמע ישראל" - די וואס האבן נאר די זכות פון זאגן 'שמע ישראל', ווייל די חכמים זאגן דאך אז די זכות אליין איז גענוג צו קענען באשיצן די אידן זיי זאלן נישט אריינפאלן אין די הענט פון זייערע פיינט.

'שפתי חכמים' ברכות כח ב

# ברוך המכין מצעדי גבר

די פאלגנדע געשיכטע איז פאר אונז געשיקט געווארן דורך דער בעל המעשה, פון אונזערע געטרייע ליינער, און עס ווערט פאר אייך אראפגעשריבן כמעט אין זיין לשון:

עס איז געווען אין א העלן טאג, אנהויב דעם יאר, ווען אונזער קליינער זון, וואס איז בלויז צוויי און א האלבן יאר אלט, האט מיטאמאל אויפגעהערט צו גיין אויף זיינע פיס. מיר האבן אים פרובירט איבעררעדן מיט גוטן און בייזן, אבער אן ערפאלג; דאס קינד האט פשוט נישט געוואלט שטעלן זיין פוס אויף דער ערד, און אפילו געשריגן פון ווייטאג, ווען מיר האבן פרובירט אים צו שטעלן אויף זיינע פיס.

עס איז גרינג צו פארשטיין די גרויס פאניק וואס האט אונז ארומגענומען. עס איז אונז געווען קלאר אז ער האט יסורים ווען ער גייט, אבער מיר האבן קיין אנאונג אויף די מקור פון די ווייטאג. מיר האבן אנגעהויבן ארומלויפן צווישן די דאקטורים, מיר זענען געווען ביי א געוויסער ארטאפעדיסט א ספעציאליסט און נאכדעם ביי א באקאנטן נאראלאג, מען האט אונז געשיקט אויף פיל ערליי טעסטן, און נאך אלעס - א עצה איז נישט דא! קיינער קען נישט אנווייזן די סיבה.

אינצווישן האט מען אונז געשיקט צו א ספעציעלע קליניק וואס געפונט זיך אין איינס פון די גרעסטע שפיטעלער אין צענטער פון לאנד, פאר א פולשטענדיגע אונטערזוכונג און דיאגנאז. די עקספערטן פון דער קליניק האבן אדורכגעפירט פילע טעסט'ס אויפן קינד, און נאך דיסקוסיעס און זיך באראטן זענען זיי צוגעקומען צו א אפמאך אז די נערוון אין די אונטערשטע טייל פון די רוקן איז געשעדיגט געווארן, און דעריבער איז נישט פארהאן קיין אנדערע ברירה נאר אים צו שיקן צו א קאמפליצירטע אפעראציע. די דאקטורים האבן געזאגט, אז די דאזיגע מסקנא איז נישט אויפגעוויזן געווארן דורך זיי מיט זיכערקייט, אבער דאס איז געווען די בעסטע טעאריע וואס פאר זיי איז אויסגעקומען.


דער פראנט פונעם געביידע וואו עס געפינט זיך דער 'שומרי שבת' שול אין בארא פארק

די ווערטער פון די דאקטורים האבן פארשטערקערט די שפאנונג און שרעק וואס מיר האבן געשפירט; א קליין יונגל, נאך נישט דריי יאר אלט, און ער דארף שוין אדורכגיין אזא קאמפליצירטע אפעראציע. און קיינער פון די דאקטורים איז נישט גרייט צו פארזיכערן אז די אפעראציע וועט טאקע אויפטון. פון דער אנדערער זייט, האבן מיר געמוזט עפעס טון; ס'איז שוין לאנגע תקופה וואס דאס קינד גייט נישט, און ווער ווייסט וואס וועט זיין ווייטער?

מיר האבן זיך באראטן מיט איינעם פון די גרויסע מעדיצינישע פראפעסיאנאלן אין לאנד, און ער האט אונז געראטן אין ליכט פון דער סיטואציע צו פארן קיין אמעריקע און זיך ווענדן צו א וועלט-בארימטן דאקטער וואס האט א קליניק אין מאנהעטן, ער זאל אונטערזוכן דעם קינד, און אויב ער איז אויך מסכים צו די רעקאמענדאציע פון די דאקטורים אין לאנד, וועט ער אים קענען אפערירן מיט די פארגעשריטענע און אייגנארטיגע מאשינערי וואס עקזיסטירט אין זיין קליניק.

נאכן זיך באראטן מיט א דעת תורה האבן מיר זיך ארויסגעלאזט אויפן וועג. א ארטיגער עסקן האט פאר אונז שנעל ערלעדיגט שנעלע א אפוינטמענט ביים בארימטן דאקטער, די צייט איז געווען באשטימט אויף דינסטאג, און צוויי טעג פריער, אין מוצאי שבת, זענען מיר ארויסגעפארן. זונטאג אינדערפרי האבן מיר געלאנדעט אין די קענעדי לופטפעלד, און פון דארט זענען מיר געפארן צו דער דירה וואס איז פאר אונז צוגעגרייט געווען אין בארא פארק.

מאנטאג אוונט האבן מיר צוגעגרייט אלע דאקומענטן און טעסט-רעזולטאטן וואס מיר האבן געהאט, און מיט א תפילה און בטחון צו ה' בין איך געגאנגען זיך צולייגן אויף א קורצער נאכט שלאף.

די אפוינטמענט איז געווען באשטימט אויף א פרי צייט אינדערפרי. וואו עס האט נאר אנגעהויבן ליכטיג ווערן בין איך אויפגעשטאנען און געגאנגען צו דעם באקאנטן 'שומרי שבת' שול צו דאווענען מיט די 'נץ' מנין. אויפן וועג צום דאווענען האב איך באמערקט א מענטש מיט א הדרת פנים וואס האט אויסגעזען ווי א געהערטער ביזנעסמאן וואס קומט צו גיין אין מיין ריכטונג.

אין הארצן האב איך געמיינט אז דער מענטש באטראכט מיך ווי איינער פון די פילע צדקה-גייער, וואס פילן אן די גאסן פון בארא-פארק און וויל מיך געבן א שיינע נדבה, אבער ניין! צו מיין וואונדער איז ער צו מיר צוגעקומען און געפרעגט צי ער קען מיר זאגן די ברכות השחר? פארשטייט זיך אז מיט גרויס שמחה האב איך עס אנגענומען, ווער וואלט מוותר געווען אויף די גרויסע זכות פון ענטפערן אמן, איבערהויפט אין א טאג וואס ער נויטיגט זיך אין אזא גרויסע ישועה.

דער מענטש האט אנגעהויבן זאגן און מיין הארץ איז פול געווארן מיט באגייסטערונג. ער האט געזאגט די ברכות ווארט ביי ווארט, מיט כוונה און דביקות, ווען עס איז קענטיג ביי יעדע ברכה וואו ער איז דאנקבאר פארן באשעפער, פארן עפענען די אויגן, פארן אים ערמעגליכן צו רירן זיינע גלידער און שטעלן די פיס אויף דער ערד א.ג.. ווען איך האב געענטפערט אמן נאך אים מיט כוונה, האב איך באמערקט וויפיל ברכות דאנקען מיר אויף די געזונט פון דער קערפער, ווען א טייל פון זיי זענען אויסגעשטעלט וואו א לויב אויף דער מעגליכקייט פון צו קענען טרעטן און גיין.

איך האב צו מיר געטראכט: האב איך טאקע געלויבט אויף דעם פון טיפן הארצן? האב איך דען ריכטיג אפגעשאצט די וואונדערליכע מתנה וואס איך באקום יעדן טאג? אין די לעצטע חדשים איז מיין גאנצע קאפ פארנומען נאר צו דאווענען אויף מיין זון וואס האט אויפגעהערט צו גיין אויף די פיס, אז ביי מיר און די איבעריגע פאמיליע איז אלעס גוט ברוך ה' - האב איך געדענקט צו דאנקען דערפאר?!

מיט דעם געדאנק בין איך אריין דאווענען, און ביים דאווענען האט זיך ווי געעפענט די קוואלן פון מיינע אויגן; איך האב געדאנקט דעם אויבערשטן פון הארצן טיפן אויף אלעס גוט'ס וואס איך האב באקומען ביז היינט, איך האב זיך מתוודה געווען אויף דעם וואס איך האב עס ביז יעצט נישט געטון ווי געהעריג, און איך האב זיך מקבל געווען פון יעצט און ווייטער גדענקן צו דאנקען דערפאר יעדן טאג ווי עס דארף צו זיין, איבערהויפט דורך זאגן די ברכות השחר און ענטפערן אמן אויף זיי - איך האב דאך מיט מיינע אויגן געזען ווי טיף און פנימיות'דיג איז די דאנקבארקייט פון די וואס זענען זוכה זיך צו פירן אזוי. איך האב פערזענליך געשפירט וואס די חכמים זאגן: "גדול העונה אמן יותר מהמברך".

איך האב געענדיגט דאווענען מיט א טיפן געפיל אז איך האב פארשטאנען דעם אנזאג. די אמן אויף די ברכות השחר האט מיר ווי געעפענט די טויערן פון הימל, און די וועג צוריק צו די אכסניא בין איך געגאנגען מיט א געפיל פון בטחון און פארלייכטערונג. בעפאר מיר זענען ארויס קיין מאנהעטן, האט מיר מיין פרוי תחי' געבעטן צוהערן און ענטפערן אמן אויף אירע ברכות, און איך האב געפילט אז איך האב באקומען נאך א סיגנאל פון הימל...

ווי אין די לעצטע חדשים האב איך אויפגעהויבן מיין זון אין די הענט, אבער דאס מאל האבן מיר זיך ארויסגעלאזט מיט א גרינגערע געפיל, מיר האבן געפילט אז די 'מלאכי אמן' באגלייטן אונז, און די ישועה שוועבט איבער אונז.

ווען מיר זענען אנגעקומען אין דער קליניק, נאכן ווארטן א קורצע צייט זענען מיר אריין אין דעם דאקטער'ס צימער. דער דאקטער איז דורכגעגאנגען די פיל בדיקות וואס זענען פאר אים אראפגעשטעלט געווארן, נאכדעם האט פארזיכטיג אונטערגעזוכט און לאנג אנגעטאפט דעם יונגל'ס פיס ווען זיין שטערן איז פארקנייטש. ווען ער האט פארענדיגט זיין אונטערזוכונג, האט ער אנגעוויזן אויף ארויף און געזאגט א זאץ וואס איך וועל קיינמאל נישט פארגעסן: "ס'דאכט זיך מיר, אז ער דארטן אין הימל וועט עס ערלעדיגן, מיר האבן נישט וואס זיך אריינמישן".

ער האט געבעטן מיר זאלן אדורכפירן נאך עטליכע טעסטן און צוריקקומען צו אים מיט די רעזולטאטן. אין ענדע האט ער דיאגנאזירט אז עס איז א שארפע אנצינדונג אין די אונטערשטער טייל פון די רוקן וואס האט צוגעברענגט די שטארקע ווייטאג וואס האט אפגעהאלטן אונזער זין פון צו גיין. נאך א וואך פון אנטיביאטיק באהאנדלונג דורך די אדער, האט זיך די מצב פארבעסערט. ער האט שוין אנגעהויבן גיין אביסל. ריכטיג טאקע נאר געציילטע טריט און נאך שטארק געהינקעט, אבער עס איז געווען א ענדערונג.

מען האט אונז צוריקגעשיקט קיין ארץ ישראל מיט א רעקאמענדאציע צו פארזעצן די אנטיביאטיק באהאנדלונג. די לאגע האט זיך פארבעסערט וואך נאך וואך, ביז מיר האבן דערזען אונזער זון גייט ווי א געווענליכער מענטש.

"וכאשר תקום מן הספר, תחפש באשר למדת אם יש בו דבר אשר תוכל לקיימו".

# דרך אמונים



## די חוב פון ענטפערן אמן אויף קדיש

**ט. דער וואס הערט קדיש דארף ענטפערן אמן, און מען דארף זיך אויך משתדל זיין לויפן כדי צו הערן קדיש.**

מקורות וביאורים:

לויט שו"ע או"ח נו א. אין 'חסד לאלפים' לייגט ער צו דארט און שרייבט: עס איז ראוי אז יעדער מענטש זאל זיך משתדל זיין לויפן און ווארטן אויף ענטפערן אמן און קדיש, און הלוואי זאל מען זיך משתדל זיין צו ענטפערן אמנים אזוי ווי אויף א פארדינסט פון איינציגע פיאסטער. אויף דעם איז געזאגט געווארן (משלי ב ד): 'אם תבקשנה ככסף וכמטמונים תחפשנה אז תבין יראת ה'..."'.

די געבעט 'קדיש' וואס איז איינס פון די יסודות פון תפילה בציבור, ווערט נישט דערמאנט אין גמרא מיט איר נאמען, נאר "אמן, יהא שמיה רבא" ווערט דערמאנט אין עטליכע ערטער (זעה: ברכות ג א; שם נז א; שבת קיט ב, סוטה מט א א.נ.). דער 'קדיש' ווערט דערמאנט מיט זיין נאמען אין מסכת סופרים (י ו) און אין זוהר הקדוש אין עטליכע ערטער (בראשית לח ב; תרומה קכט ב א.נ.). דער 'אור זרוע' (ח"ב הלכות מוצ"ש סי' פט) שרייבט אין נאמען פון זיין רבי'ן רבי אלעזר מגרמייזא בעל 'הרוקח', אז די אנשי כנסת הגדולה האבן מייסד דאס זאגן קדיש. און דער 'ערוך השולחן' (או"ח נה א) שרייבט: "דער קדיש איז א שבח גדול ונורא וואס די אנשי כנסת הגדולה האבן מתקן געווען נאך חורבן בית ראשון, און דאס איז א תפילה אויף השי"ת'ס נאמען וואס איז פארשוועכט זינט חורבן בית המקדש און חורבן ארץ הקודש און דאס אידישע פאלק איז צושפרייט אין אלע פיר עקן פון דער וועלט, און מיר דאווענען אז יתגדל ויתקדש שמו יתברך...". דער גאנצער נוסח הקדיש איז נישט דערמאנט צווישן די תנאים און אמוראים, אזוי ווי זיי האבן נישט דערמאנט די אלע נוסחאות פון דאווענען, ווייל די מענטשן האבן עס געקענט קלאר. נאר די גאונים וואס האבן אנגעהויבן אראפשרייבן דעם נוסח התפילה אין זייערע ספרים, האבן אראפגעברענגט דעם גאנצן נוסח הקדיש ('ספר הקדיש' [לר"ד אסף] מבוא עמ' לט).

## דער עיקר פון קדיש

**י. די קדיש וואס די אנשי כנסת הגדולה האבן מתקן געווען איז פון "יתגדל ויתקדש" ביז "דאמירן בעלמא ואמרו אמן", און דאס איז דער עיקר פון די קדיש.**

מקורות וביאורים:

אזוי שטייט געשריבן אין 'לחם חמודות' אויפן רא"ש (ברכות ב כג) געבויט אויפן רמב"ם אין סדר התפלות און די נוסח הקדיש, און דער מג"א סו ו ברענגט אראפ. און אזוי שרייבט דער 'ערוך השלחן' (נו ח): "זאלסט וויסן אז דער עולם איז געוואוינט אנרופן 'חצי קדיש' און 'קדיש שלם', און עס זענען דא וואס מיינען אז דאס איז באמת א 'חצי קדיש', און עס איז א גרייז. ווייל באמת ציט זיך דער קדיש נאר ביז 'דאמירן בעלמא', נאר אז אין ענדע דאווענען לייגט מען צו די געבעט 'תתקבל' און 'יהא שלמא רבא'... און דאס וואס מענטשן רופן 'חצי קדיש' איז סתם א נאמען".

## די סדר פון ענטפערן אמן אויף קדיש

**יא. די פוסקים קריגן זיך וואס איז די צאל פון די אמנים וואס מען דארף ענטפערן ביי יעדע קדיש, און וואס איז זייער אויסשטעל; עס זענען דא וואס האלטן אז מען ענטפערט פינף אמנים ביי יעדע קדיש לויט די פאלגנדע סדר: א. נאך "יתגדל ויתקדש שמיה רבא"; ב. נאך די ערשטע "ואמרו אמן"; ג. נאך "ולעלמי עלמיא יתברך"; ד. נאך "בריך הוא"; ה. נאך די צווייטע "ואמרו אמן". און עס זענען דא וואס האלטן אז די פינף אמנים ענטפערט מען לויט דעם פאלגנדן סדר: א. נאך "יתגדל ויתקדש שמיה רבא"; ב. נאך "ויצמח פורקניה ויקרב משיחיה"; ג. נאך די ערשטע "ואמרו אמן"; ד. נאך "בריך הוא"; ה. נאך די צווייטע "ואמרו אמן". עס זענען דא וואס קריגן זיך און האלטן אז מען זאל נישט ענטפערן אמן נאך "בריך הוא".**

מקורות וביאורים:

די ערשטע שיטה איז די שיטה פון רמב"ם (סדר התפלות נוסח הקדיש), און די צווייטע איז די שיטה פון אר"י הק' ('פרי עץ חיים' שער הקדישים פרק ו, דער 'כף החיים' נו כט ברענגט עס). סיי לויטן רמב"ם און סיי לויט דער אר"י, דארף מען ענטפערן פינף אמנים אויף יעדע קדיש, נאר אויף איינע פון זיי קריגן זיי זיך וואו איז דער פלאץ וואס מען דארף עס ענטפערן; דער רמב"ם שרייבט ענטפערן אמן נאך "יתברך", און נישט נאך "ויקרב משיחיה", דאקעגן דער אר"י האט געהייסן ענטפערן אמן נאך "ויקרב משיחיה" און נישט נאך "יתברך".

אבער דער רמ"א (או"ח נו ב) קריגט זיך און האלט אז מען זאל נישט ענטפערן אמן נאך "בריך הוא". דער יסוד פון די מחלוקת איז וואו ענדיגט זיך די בקשה וואס הייבט זיך אן ביי "יהא שמיה רבא מברך"; צי ביי די ווערטער "בריך הוא", און וועגן דעם דארף מען דארט ענטפערן אמן, אדער די געבעט "יהא שמיה רבא" ענדיגט זיך ביי די ווארט "קודשא", און ביי "בריך הוא לעילא..." הייבט זיך אן א ניי געבעט, דעריבער זאל מען נישט מפסיק זיין מיטן ענטפערן אמן נאך "בריך הוא" ('ביאור הגר"א' שם). לויט די מנהג פון די בני אשכנז וואס זענען חושש אויף שיטת הרמ"א, (און זאגן אויך נישט "ויצמח פורקניה ויקרב משיחיה") ענטפערט מען נאר דריי אמנים אויף א קדיש: א. נאך "יתגדל ויתקדש שמיה רבא"; ב. נאך די ערשטע "ואמרו אמן"; ג. נאך די צווייטע "ואמרו אמן" ('ערוך השלחן שם ו).

אין די פוסקים ('שלמת חיים' סי' נט; 'הליכות שלמה' תפילה פ"ו הערה יד) ווערט געברענגט אז אויך דער וואס פירט זיך נישט זאגן "ויצמח פורקניה ויקרב משיחיה", אויב דאוונט ער אין אזא פלאץ וואו דער ש"צ זאגט עס, זאל מען ענטפערן אמן. אבער אין ספר 'פניני הגרי"ז' עמ' נג ווערט געברענגט אז הגרי"ז מבריסק האט נישט געענטפערט אמן נאך "ויקרב משיחיה" נאכן עס הערן פונעם חזן, ווייל דער רמב"ם וואס איז גורס אין זיין סדר הקדיש (שם) מען זאל זאגן "ויצמח פורקניה ויקרב משיחיה", און רעכנט אויך אויס די אלע פלעצער וואס מען ענטפערט אמן ביים זאגן קדיש, שרייבט נישט מען זאל ענטפערן אמן נאך "ויקרב משיחיה".

# אוצר הברכות

מאה ברכות אין די פרשה

## דעם 'צדק' דארף מען נאכיאגן צו קענען מקיים זיין

**"צֶדֶק צֶדֶק תִּרְדֹּף לְמַעַן תִּחְיֶה וְיָרַשְׁתָּ אֶת הָאָרֶץ אֲשֶׁר ה' אֱלֹקֶיךָ נֹתֵן לָךְ" (טז יח; כ)**

**רבי אליהו האראשאווסקי דראהביטשער רב זאגט:**

אין זוהר הקדוש (תיקו"ז מ א) איז ערקלערט, אז די ווארט 'צדקה' איז א רמז אויף די צאל פון פיר דברים שבקדושה וואס דער מענטש דארף מקיים זיין יעדן טאג, וואס זיי זענען: צ' אמנים, ד' קדושות, ק' ברכות און ה' חומשי תורה - די ראשי תיבות פון 'צדק"ה'.

יעצט, אין לימוד התורה קען יעדער האבן א שייכות דורך שטיצן די לומדי תורה (זעה טור יו"ד רמו), אבער ברכות, אמנים און קדושות איז יעדער מחויב אליין צו זאגן. און דאס איז דער פסוק אונז מרמז: "צֶדֶק צֶדֶק תִּרְדֹּף" - די דריי זאכן וואס זענען מרומז אין די ווארט 'צד"ק' דארפסטו אליין 'תרדוף' זיי צו מקיים זיין און נישט זיך פארלאזן אויף א צווייטן.

'אזור אליהו'

# בן יכבד אב

## דבר מייסד ונשיא 'בני אמונים'

## "זכור אב נמשך אחריך כמים"

אין ראם פון די ארטיקל וואס ווערט פארעפנטליכט אין בעפארברייטונג צו די יארצייט פון מיין טאטן זצ"ל וואס געפאלט אויס דעם קומענדיגן פרייטאג י"ג אלול, וועל איך צוליב די מצוה פון כיבוד אב אוועקגיין פון מיין געוואוינהייט, און איך וויל פארברייטערן און ענק מיטטיילן מיט די הארץ-געפילן וואס נעמען מיך ארום אין בעפארברייטונג פון דער טאג.

היינט צו טאג, ווען די 'בני אמונים' רעוואלוציע האט זיך פארגרעסערט און פארברייטערט איבער דער גאנצער וועלט, איז שווער צו גלייבן אז דאס האט זיך אנגעהויבן ווי א ספאנטאנישע געדאנק, וואס איז אדורכגעלאפן אין א מאמענט פון סייעתא דשמיא, און אויף אן אומפארזענדליכען שטייגער איז געוואקסן און אנטוויקלט געווארן מיט א געוואלדיגער שנעלקייט איבער דער וועלט, אין די בחי' פון "וימלא כבודו את כל הארץ אמן ואמן...".

פון צייט צו צייט דערמאן איך זיך ווי אין די ענדע פון די 'שבעה' טעג אויף אבי מורי רבי חיים בן ציון ב"ר אהרן צבי מארמארשטיין זצ"ל, פארן זיך צוריק קערן צו מיין וואוינארט אין אמעריקע, האב איך געטראכט צו מיר מיט וואס קען איך צוריק צאלן און טון עפעס לעילוי נשמת מיין טייערער פאטער, וועמענ'ס מסירות נפש אויף יעדע דבר שבקדושה שטייט פאר מיר און פאר מיין פאמיליע ביזן היינטיגן טאג.



די געשטאלט פון
הרב **חיים בן ציון מארמארשטיין** זצ"ל
נלב"ע י"ג אלול תשס"ג
אויף זיין אנדענק איז געגרינדערט
געווארן 'בני אמונים'

וואס מער איך האב געטראכט דערפון, אלץ שטערקער איז געווארן אין מיין הארץ די פארשטאנד אז די מצוה וואס איך וועל נעמען כדי זיך מחזק זיין און אויך אנדערע, און דורך דעם וועל איך קענען צוברענגען די גרעסטע נחת רוח צו זיין ריינע נשמה, וועט זיין די מצוה פון ענטפערן אמן.

אלס איינער וואס איז אויפגעוואקסן אין שאטן פון מיין פאטער ז"ל, די מצוה פון ענטפערן אמן איז געווען א טייל פון מיין לעבן. מיין פאטער זצ"ל, פון זיין יוגנט ביזן דערגרייכן צו זיין טיפן עלטער, האט אנגעהאלטן די דאזיגע מצוה מיט זיין גאנצן כח. ער האט געשעצט און געהאלטן טייער יעדע אמן מער ווי גאלד און זילבער, און ווי א סוחר וואס פארשטייט די טייערקייט פון גוטע שטיינער, פלעגט ער נאכלויפן יעדע געלעגנהייט צו ענטפערן אמן און צולייגן נאך דיאמנטן צו זיינע אוצרות.

ביז צום סוף פון זיינע יארן האט ער זיך קיינמאל נישט געשעמט צו בעטן פון זיינע זין, פון זיינע אייניקלעך און פון יעדן וואס איז געווען נעבן אים, זיי זאלן זאגן פאר אים די ברכות השחר, ער זאל פארדינען נאך און נאך אמנ'ס. ס'איז שווער צו שילדערן אויף די פאפיר די פרייד וואס האט געשטראלט פון זיין פנים יעדע'ס מאל ווען זיין געבעט איז אנגענומען געווארן.

דארטן, צווישן די ווענט פון דער קליינער שול, וואו מיין טאטע האט זיך אנגעשטרענגט צו רעדן, ערקלערן און באאייפלוסן אלע ארומיגע זיך צו מחזק זיין אין די גרויסע מצוה, וואו ער האט פארטיילט נאש פאר די תשב"ר כדי זיי זאלן ענטפערן 'אמן' נאך די ברכות - דארט האט זיך אנגעהויבן די 'בני מאמינים' רעוואלוציע! און פון דארט טוט זי ווייטער זיך אנטוויקלען ביזן היינטיגן טאג.

דאכט זיך, אז די וואונדערליכע פאקט קען זיין פאר אונז אלע אן אויסנאם לעקציע איבער דעם גרויסן כח פון זאגן 'אמן', טראץ עס איז א קליינע ווארט, האט דאס א כח אויפצוטון גאר גרויסע זאכן אין אלע וועלטן. דאס איז עס - די זעלבע אמן וואס מיין טאטע האט געענטפערט מיט יארן צוריק, הערט נישט אויף פון צו מאכן רעוואלוציעס און אויפטון ביז היינטיגן טאג.

אלס זון פון מיין טאטן זצ"ל בין איך משתדל זיך צופירן ווי ער, אינדערפרי גיי איך אריין אין די 'בריזדאוויץ' שול אין מיין געגנט, אין בארא פארק אין ברוקלין, ניו יארק, און ארום דריי שעה גייען אריבער פאר מיר אסאך צענדליגער מתפללים וואס זאגן מיר די ברכות השחר. איך בין זוכה צו הערן יעדן אינדערפרי אסאך ברכות און ענטפערן נאך זיי טויזנטער אמנים, און גלייכצייטיג מעורר זיין יעדן וואס איך טרעף איבער די גרויסע וויכטיגקייט פון ענטפערן אמן, איבערהויפט נאך די ברכות השחר.

איך שפיר אז אט די מנהג באלייכט מיין לעבן, עס איז חשוב און טייער אין מיינע אויגן אן קיין גרעניץ, און דערפאר ווענד איך זיך צו יעדן וואס טרעפט זיך אן נעבן מיר און בעט פון זיי זאלן זאגן די ברכות אין מיינע אויערן, איך זעה אין דעם א געוואלדיגן זכות פאר זיי, און וועגן דעם זוך איך ווי איך קען מזכה זיין מער און מער מענטשן.

רעדנדיג פון מיין גרויסן טאטן זצ"ל פיל איך אז איך מוז אפשרייבן אביסל פון זיינע איברלעבענישן פון זיין גייסטיגן לעבן, ווען צום ערשט וועל איך דערמאנען, אז דאס עצם דאווענען אין געווען זיין נשמה פון זיין לעבן. ער האט געדאוונט בדחילו ורחימו, ווען יעדע ווארט וואס איז ארויס פון זיין מויל איז געווען געזאגט ריכטיג און מיט כוונה. זאגנדיג 'נשמת' האט ער נישט געקענט איינהאלטן זיינע געפילן, און עס איז געווען א וואונדערבארע זאך צו זען ווי די הייליגע תפלה ווערט געזאגט דורך אים מיט הייסע טרערן און א פלאם פייער.

אזוי אויך יעדע מצוה איז געווען זייער טייער אין זיינע אויגן, איך געדענק אז ערב פסח פלעגט ער אפרעכטן א גרויסע סעודה לכבוד די סיום מסכתא, ווייל ער איז געווען א בכור. דאס איז געווען צוליב זיין חביבות צו די מצוות, אבער אויך צוליב די ליבשאפט און איבערגעגעבנקייט וואס ער האט געהאט אויף לימוד התורה, און צוליב דעם האט ער זיך באטייליגט ביי שיעורי תורה אינדערפרי און ביינאכט. ער האט געהאט א באזונדערע ליבשאפט צו 'אגרת הרמב"ן' וואס ער האט געקענט אויף אויסנווייניג.

דאס יאר וואס מיר זענען יעצט איז א 'שמיטה' יאר, איז ספעציעל פאסיג אנכאפן זיין איבערגעגעבנקייט אויף די מצוה פון שמיטה. ווען ער איז נאך געווען א פארמער אינעם דארף 'כפר גדעון' אין 'עמק יזרעאל', איידער עס זענען געגרינדעט געווארן פארשידענע שמיטה פאנדן, האט ער מקפיד געווען צו היטן די מצוה וואו עס דארף צו זיין אן קיין פשרות, אן צו באקומען עפעס שטיצע.

אזוי ווי ער האט געהאלטן הייליג דעם זיבעטן יאר האט ער אויך געהאלטן הייליג דעם זיבעטן טאג, דער כבוד פון שבת איז אין זיינע אויגן געווען זייער טייער, און ווען ער האט זיך אריבערגעצויגן צו די שטאט 'בני ברק', און עס איז ליידער פארגעקומען חילולי שבת אין אירע גאסן, האט ער פראטעסטירט אקעגן די מחללי שבת וואס זענען אדורכגעפארן מיט זייערע מאשינען אונטער זיין הויז, אויף די 'השומר' גאס, און האט נישט גערוט, ביז די גאס איז אפגעשפארט געווארן אין שבת.

ווען מיר זענען ארויף קיין ארץ ישראל און געוואוינט אינעם ישוב 'כפר גדעון', האט מיין טאטע זיך מוסר נפש געווען און געשיקט זיינע קינדער לערנען אין די בעסטע תלמוד תורה'ס און ישיבות, כאטש דאס איז געווען פארבינדן מיטן זיי אפרייסן פון שטוב און זיי אוועקשיקן ווייט.

איך געדענק אז ווען מיר זענען געווען יונגע קינדער, יעדן זונטאג, ווען מיר האבן געדארפט אוועקפארן פונדערהיים צו די ווייטע פלעצער וואו מיר האבן געלערנט און דארט פארבליבן א גאנצע וואך, פלעגן מיר וויינען פון צער אז מיר דארפן זיך צעשיידן, אבער דער טאטע האט זיך געשטארקט אויף זיינע געפילן און זעענדיג אונזער אידישע צוקונפט פאר זיינע אויגן האט ער אונז געזאגט: "מיינע טייערע קינדער, ענדערשט זאלט איר יעצט וויינען איידער מיר זאלן אלע שפעטער וויינען...".

דער אמת איז, אז שפעטער האט ער געוויינט אויף דעם, אבער נישט א געוויין פון צער, נאר א געוויין פון שמחה און דאנקבארקייט אויף דעם וואס ער האט זוכה געווען צו שעפן נחת אויף דער וועלט, זען בנים ובני בנים אוהבי תורה און רודפי מצוות צדקה וחסד, און פון זיי אויסערגעווענליכע בני תורה.

היינט, ווען טויזנטער אידן איבער דער וועלט זאגן ברכות השחר מיט א חברותא צוליב זיין לויטערע הנהגה, קוקט ער אוודאי פון הימל מיט שמחה און זיין נשמה דערהייבט זיך מער און מער במעלות קדושים וטהורים.

לקראת די יומא דהילולא, ערלויב איך מיך בעטן פון מיינע טייערע פריינד, ליינער פון די גליון וואס זענען שטענדיג זיך מחזק אין די אמונה פון אמן, אין דעם טאג זאלן זיי באזונדער פארמערן צו ענטפערן אמן לעילוי נשמתו הטהורה אזוי ווי זיין הייליגע מנהג איז געווען, ויהי רצון ער זאל זיין פאר אונז א מליץ יושר, אמן ואמן.

**מיט א רוף "שמע בני מוסר אביך"**
**און א גוט שבת**

יעקב דוד מארמארשטיין.